שנה ג׳
נומער צ״ח
פרשת וירא
תשפ״ב

# קרית ברסלב בלעטל

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
**מוסדות היכל הקודש**
**קרית ברסלב ליבערטי**
בנשיאות הראש ישיבה שליט״א



לכבוד פרשת וירא וואס רעדט זיך פון ברית מילה
**ברית פון זוהן פונעם ראש ישיבה שליט״א - ביי מוהרא״ש זי״ע**
**כי תשא תשע״ג**




## א ווארט
פונעם ראש ישיבה שליט״א

### אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת

רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נִישְׁט קַיין הֶפְסֵק; אֲפִילוּ דָארְט וואוּ מֶען טָאר נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מֵיינְט מֶען נִישְׁט מַפְסִיק זַיין מִיט'ן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען מֵיינְט שְׁמוּעֶסְן אוּן רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן וְכוּ', אָבֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען אוּן מוּז מֶען רֶעדְן וואוּ אִימֶער מֶען גֶעפִינְט זִיךְ; אַזוֹי הָאבְּן זִיךְ גֶעפִירְט גְרוֹיסֶע צַדִיקִים זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ, זֵייעֶר דַאוֶוענֶען אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק הִתְבּוֹדְדוּת.

עצתו אמונה וירא תש״פ

## זמנים
Liberty

פרשת וירא תשפ״ב
י״ז חשון

הדלקת הנרות ........... 05:48
מוצאי שבת .............. 07:17

**מנחה מעריב פאר פרשת חיי שרה ............... 06:55**



# שטעטל נייעס

קרית ברסלב

## שיינעם באזוך פונעם ראש ישיבה שליט"א אין תלמוד תורה

דעם פארגאנגענעם מיטוואך לך לך האט מען געהאט די זכיה צו האבן דעם ראש ישיבה שליט"א אין שטעטל, נאכן דאווענען שחרית מיט'ן ערשטן מנין צופרי' אין בית המדרש אויף האשקי' איז דער ראש ישיבה גלייך אריבער אין חדר צו אפווארטן די קינדער ווען זיי קומען אן מיט די באס.

דער ראש ישיבה שליט"א איז אריין אין כיתה ד' ווי דער חשובער מלמד הר"ר הערשל שניטצלער שליט"א איז געזיצן און געלערנט מיט די קינדער. דער ראש ישיבה שליט"א האט אנגערופן אפאר עלטערן זיי זאגן ווי וואויל זייערע קינדער זענען און ווי שיין דרך ארץ'דיג זיי פירן זיך אויף. און דער ראש ישיבה איז אויך איבערגעגאנגען מיטן מלמד וויאזוי זיך צו פירן בפרטיות מיט יעדן קינד אין קלאס.

דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריין אין נורסערי ביים מלמד הר"ר יעקב יאקאבאוויטש שליט"א, ווי דער ראש ישיבה האט געטיילט פאר אלע קינדער א טשאקאלאד, און געטאנצן מיט זיי "א מחיה חדר, א מחיה רבי יאקאבאוויטש", און אזוי ווייטער.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה שליט"א אריבער צו בית פיגא סקול און געגעבן א שיעור פאר די תלמידות וויאזוי מען דארף זיך אויפפירן מיט דרך ארץ, אז ביים הייליגן רבי'ן איז געווען א יסוד 'דרך ארץ' און מיר דארפן זיך פירן אינעם רבינ'ס וועג. איך האב געברענגט פאר ענק די בעסטע טיטשער'ס, האט שכל און הערט אויס וואס זיי זאגן, די שכל וועט עטץ מיטנעמען נאך די חתונה. דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א דערנאך איז דער ראש ישיבה איבערגעגאנגען מיט די לערערינס וויאזוי זיך צו באגיין מיט יעדע תלמידה באזונדער, און אראפגעשטעלט וואס די יסודות זענען פון בית פיגא סקול.

אזוי אויך האט זיך דער ראש ישיבה אומגעקוקט אויף די ארבעטער אינעם בנין וואס ווערט יעצט געמאכט, מען לייגט צו פרישע קלאסן פאר די געברויך פונעם תלמוד תורה.

דער באזוך האט גאר שטארק אויפגעפרישט די איינגעשטעלטע אינעם מוסד און אזוי אויך די תלמידים ותלמידות, וואס האבן באקומען פרישע חיות ווייטער אנצוגיין, און זיך מחדש זיין מיט די עצות והדרכות וואס דער ראש ישיבה לערנט מיט אונז.

## דער דיין שליט"א ציעט זיך אריבער אין שטעטל גאר בקרוב

מיט גרויס פרייד איז געווארן אויפגענומען די לאנג ערווארטעטע נייעס אז דער חשובער דיין דקהילתינו הרה"ג ר' יונה זינגער שליט"א ציעט זיך אריבער אין שטעטל גאר בקרוב בשעה טובה ומצלחת, נאכדעם וואס די איינוואוינער ווארטן שוין בכליון עינים, אז דער דיין שליט"א זאל קומען וואוינען אין שטעטל.

אלע געדענקען נאך גוט דעם הערליכן מעמד הכתרה פארן דיין שליט"א וואס איז פארגעקומען הארט פאר ראש השנה תשפ"ב, וואו עס איז אפגעראכטן געווארן ברוב פאר והדר אינעם בנין המוסד, בהשתתפות הרבנים הגאונים שליט"א, ובראשם דער ראש ישיבה שליט"א - וואס האט דעמאלטס געקרוינט ר' יונה שליט"א אלץ דיין אין קרית ברסלב ליבערטי.

געלויבט דער אייבערשטער אז יעצט קומט שוין אט אט דער ריכטיגער מינוט וואס דער דיין שליט"א ציעט זיך ארויס, און וועט זיין מיט אונז צו ענטפערן אויף יעדע שאלה וואס מען האט נאר.

עס פעלט נאך אויס אביסל תפילות פון אלע איינוואוינער, אז דער דיין שליט"א זאל זיך קענען אריבערציען אין די קומענדיגע פאר טעג גרינגערהייט און קיין שוועריקייטן. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער דיין שליט"א זאלן האבן כח צו קענען אויספירן זיין הייליגע ארבעט.

## א פרישער זמן אין כולל היכל הקודש - קרית ברסלב ליבערטי

א פרישער זמן האט זיך אנגעהויבן אין כולל ביי אונז אין שטעטל, עס איז צוגעקומען אפאר חשוב'ע אינגעלייט וואס זענען אריינגעקומען אין כולל צום נייעם ווינטער זמן.

די כולל איז א יחיד בימינה. עס זיצן אינגעלייט וואס האלטן באמת ביים לערנען, נישט סתם זיצן און שטיפן די צייט, וואס אויף דעם איז דער ראש ישיבה נישט מסכים, און רעדט שטענדיג פון דעם אז א כולל איז נישט גוט פאר א אינגערמאן וואס וויל נישט לערנען, אזא איינער דארף ענדערש גיין זוכן אן ארבעט כדי נישט צו פארברענגען סתם די צייט.

אדרבה איבערצייגט אייך אליין, איר קענט אריין קומען אין בית המדרש במשך דעם טאג צו זעהן אז יעדעס ווארט וואס שטייט דא איז אמת ויציב.גלייך אינדערפרי' לערנט מען דורך דעם טעגליכן דף גמרא בטוב טעם ודעת, דערנאך נעמט מען זיך צום שיעור הלכה און מען גייט דאס אדורך ביז אויף הלכה למעשה.

# היכל הקודש
# נייעס

היכל הקודש

## שבת התוועדות - סיום סדר מועד

נאכן שבת התוועדות - סיום הש"ס צוויי יאר צוריק אין קראון פלאזא האטעל, האבן אנשי שלומינו תיכף געבעטן אז אזעלכע שבתים זאלן געפראוועט ווערן מער אפט; עס איז געווען גאר א רייכער און שיינער שבת צוגעשטעלט מיט פילע שיינע פראגראמען, און פארשטייט זיך ברוחניות איז דאס געווען גאר א שטארקע שטופ פאר אלעמען, זיך צו מיטכאפן מיטן באן וואס פארט יעדן טאג און שטעלט זיך נישט אפ, וואס דאס איז די דף גמרא וואס גייט יעדן טאג אן אויסנאם, און טאקע פון דעמאלטס איז צוגעקומען גאר א גרויסער ציבור וואס לערנען יעדן טאג דעם דף גמרא.

מען האט טאקע געפלאנט אזא שיינעם שבת אויך פאריאר ווינטער, אבער צוליב דעם אלוועלטליכן "קאוויד" אויסברוך איז עס למעשה דאן נישט צושטאנד געקומען.

געלויבט דעם אייבערשטן אז יעצט נאך איבער צוויי יאר ווארטן, איז געמאלדן געווארן דער פריידיגער בשורה אז מען גרייט זיך שוין ווידער מיטן אייבערשטנ'ס הילף צו א גרויסער שבת התוועדות מיט אלע אנשי שלומינו אינאיינעם, וואס וועט אפגעראכטן ווערן ברוב פאר והדר צוזאמען מיטן פרייליכן סיום סדר מועד, וואס וועט פארקומען בעזרת השם יתברך שבת קודש פרשת פקודי תשפ"ב אינעם הערליכן קראון פלאזא האטעל.

עס גלייבט זיך קוים אז מען האט שוין ברוך השם דורכגעלערנט - אין די בערך צוויי יאר זינט דעם סיום הש"ס - די מסכת ברכות, שבת, עירובין, פסחים, שקלים, יומא, סוכה, און טאקע דעם פארגאנגענעם זונטאג פרשת לך איז געווען דער סיום אויף מסכת ביצה. מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען אין די קומענדיגע וואכן ביזן שבת התוועדות ענדיגן די איבריגע מסכות הש"ס פון סדר מועד: ראש השנה, תענית, מגילה און מועד קטן, וואס אינאיינעם איז עס א סך הכל פון 768 דפים, וואס איז נאנט צו א דריטל פון גאנץ ש"ס.

די עסקנים האבן געמאלדן אז עס ווארט אפ א הערליכער שבת ווי מען וועט פארברענגען בשבת אחים, דאווענען אינאיינעם, עסן די סעודות און זינגען זמירות שבת קודש, הערן דרשות התחזקות, פון וואס מען וועט מיטן אייבערשטנ'ס הילף ארויסנעמען התחזקות און כח אנצוגיין פאר זיך, פאר די בני בית און פאר די קינדער פאר א לאנגע צייט.

פאר אלע וואס צאלן ביז שבת חנוכה - וועט זיין די פרייז $985 פאר א קאפל, מען קען באשטעלן דורכן רופן מו"ה שמעון פיש הי"ו 917-232-9070.

**צו איבערגעבן נייעס פאר די מערכת, ביטע רופן 347-379-1161**




## שבת התוועדות - סיום הש"ס - תש"פ









# מעשיות פון תפילה

## יצחק אהרן וויינבערג:

צוויי וואכן צוריק מוצאי שבת, האבן איינע פון די רעדער פון מיין קאר געפלאצט. וואו שאפט מען א נייעם רעדל מוצאי שבת שפעט ביינאכט? האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן א פרישע רעדל נאך היינט נאכט, אזוי בעטנדיג דערמאן איך זיך פון איינעם וואס קען אפשר האבן דעם רעדל וואס איך דארף, האב איך אנגערופן יענעם איד און ברוך השם, ער האט געהאט דעם רעדל וואס איך האב געדארפט האבן. 'חברים' איז עס געגאנגען נעמען פון דעם איד און איך האב נאך יענע נאכט געהאט א נייעם רעדל. שכח אייבערשטער!

## אברהם משה שטראססער:

לעצטנ'ס האט פון מיין פיאות אנגעהויבן ארויסצופאלן האר, איך האב נישט געוואלט פארלירן מיין צלם אלקים, האב איך אסאך געבעטן דעם אייבערשטן אז מיין פיאות זאל צוריק אנהייבן וואקסן שיין. שכח אייבערשטער אז די לעצטע שטיק צייט האט מיין פיאות אנגעהויבן וואקסן צוריק אזוי ווי אמאל.

## עזרא בוים:

ביים אנקומען קיין קיעוו דאנערשטאג פאר ראש השנה, האב איך נישט באקומען מיינע פעקלעך צוזאמען מיט נאך אפאר מענטשן. איך בין אנגעקומען אין אומאן אן מיינע פעקלעך. זונטאג ערב ראש השנה האב איך געוואלט צוריק פארן קיין קיעוו צום לופטפעלד צו נעמען מיינע פעקלעך, האב איך געטראכט אז אויב גיי איך שוין וועל איך שוין אויך נעמען די רענצלעך פאר די אנדערע מענטשן וואס האבן עס נאכנישט באקומען. אבער ווער ווייסט צו די באאמטע אין לופטפעלד וועלן מיר וועלן געבן פעקלעך פון אנדערע מענטשן?

איך האב גענומען פון די מענטשן די נויטיגע צעטלעך, און איך בין ארויסגעפארן. א גאנצע וועג האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען מיינע רענצלעך און אויך די רענצלעך פון די אנדערע מענטשן גרינגערהייט, איך האב צוגעזאגט פאר'ן אייבערשטן אז איך וועל פארציילן די מעשה פון תפלה אינעם 'בלעטל'.

אנקומענדיג אין לופטפעלד בין איך צוגעגאנגען צום פלאץ וואו מען קומט אפנעמען פארלוירענע רענצלעך, און שכח אייבערשטער אז איך האב באקומען מיינע פעקלעך, און אויך פון די אנדערע מענטשן.

## יואל וועבערמאן:

די פאדערשטע גלאז פון מיין קאר האט זיך צעבראכן. איך האב נישט געהאט קיין חשק צו דארפן צ א ל ן געלט עס צו פאררעכטן, איך האב נישט געוויסט וואס צו טון.

יענעם טאג האב איך געזען דעם 'קרית ברסלב בלעטל' אויפגעמישט צו די מעשה פון תפילה אפטיילונג, האב איך זיך דערמאנט אז איך קען בעטן דעם אייבערשטן, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל באקומען א נייע גלאז אן דארפן באצאלן, און דער אייבערשטער האט געהאלפן אז די אינשורענס האט באצאלט די גאנצע קאסטן.

## שלום יוסף ניישטיין:

איך האב פארלוירן מיין פערמיט קארטל און ווען מען דרייווט דארף מען עס לעגאל האבן מיט זיך, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל עס טרעפן שנעל און גרינג, שכח אייבערשטער אז נאכן זיכן אביסל האב איך עס געטראפן.

## יוסף שניטצלער:

פאר צוויי יאר צוריק ווען מען האט נישט געקענט פארן אויף אומאן און ס'האט געהייסן אז אויב פארשטעלט מען זיך וועט מען יא קענען אנקומען אויף ראש השנה, בין איך געפארן דורך לאנדאן און אונז זענען געבליבו שטעקן דארט פאר צוויי טעג ביז מען האט געזען אז מ'קען נישט אנקומען קיין אומאן.

ווען איך בין ארויסגעפארן האב איך אנגעטון מיין קראק"ס צו אויסזעהן מער פארשטעלט, אבער נאך א טאג גיין נאר מיט קראק"ס ווערט עס זייער אומבאקוועם. זייענדיג אין לאנדאן ווייט פונדערהיים וואו פארשאפט מען יעצט נייע שיך? איך האב זייער שטארט געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל שוין האבן שיך ווייל ס'איז מיר זייער אומבאקוועם.

איך בין אריינגעפארן אין שטאט זוכן א שיך סטאר. ברוך השם אז איך בין אנגעקומען צו א געשעפט און געטראפן גוטע שיך. אבער איך האב נאר געהאט אמעריקאנע געלט און דער געשעפט'ס מאן האט נישט געוואלט נעמען די אמעריקאנע געלט, האב איך נאכאמאל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך דארף האבן ענגלישע פונט. וואו נאר איך ענדיג די קליינע תפילה קומט אריין א איד און איך פרעג אים צו ער וויל מיר אויפטוישן די געלט זאגט ער מיר "גערן הארצן" שכח אייבערשטער אז איך האב געקענט האבן נייע שיך!

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט"א

## לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ו מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב.

מַזָל טוֹב פַאר דַיין נֵיי גֶעבּוֹירֶענֶעם מֵיידְל, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מְגַדֵל זַיין דַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֶען פוּן זֵיי אִידִישׁ נַחַת, לִיכְטִיגֶע דוֹרוֹת.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זַיי זִיךְ קוֹבֵעַ צוּ לֶערְנֶען פַּארְטָאגְס; **קוּם אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ לֶערְנֶען,** אִיךְ ווִיל זֵייעֶר אַז אַלֶע אִינְגֶעלַייט זָאלְן קוּמֶען פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ.

נָאר דָאס בְּלַייבְּט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ. טְרַאכְט אַריין, וָואס הָאט מֶען פוּנֶעם לֶעבְּן; דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁוֶועריְקַייט, מֶען אַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג - פַּארְוָואס? פַּאר וֶועם? זִיךְ צוּ קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן בִּיז מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער אוּן שׁוֹין. דֶעמָאלְט קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט אַרְבֶּעטְן, דֶעמָאלְט זִיצְט מֶען אוּן מֶען וַוארְט אַז דִי טָאג זָאל זִיךְ עֶנְדִיגְן, אָנְהֵייבְּן אוּן עֶנְדִיגְן. אָבֶּער אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה אִיז דֶער **לֶעבְּן אַ לֶעבְּן**; וֶוען מֶען וֶוערְט עֶלְטֶער וֶוערְט מֶען נָאר יוּנְגֶער אוּן פְרֵיילִיכֶער, מֶען הָאט וָואס אַהֵיים צוּ בְּרֶענְגֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, **גֵיי שְׁלָאפְן פְרִי**; אִין שְׁטֶעטְל אִיז נִישְׁטָא וָואס צוּ טוּן בַּיינַאכְט, עֶס אִיז אַ מְחַיֶ', מֶען קֶען זִיךְ לֵייגְן נָאךְ מַעֲרִיב אוּן אוֹיפְשְׁטֵיין פַּארְטָאגְס לֶערְנֶען.

## אַ מַתָּנָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת וַיֵּרָא, ט"ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ מַתָּנָה, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ - פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ טְרַאכְטְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף אִיר, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט הַאלְטְן טֵייעֶר דִי מַתָּנָה? וואוּ אִיז דִי הַכָּרַת הַטוֹב צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?!

הָאסְט דָאךְ גֶעלֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה אַזוֹיפִיל יָאר, הָאסְט גֶעהֶערְט **אַזוֹיפִיל דְרָשׁוֹת אוּן שִׁיעוּרִים** אַז מֶען דַארְף הַאלְטְן טֵייעֶר דִי וַוייבּ אוּן מֶען דַארְף זַיין אַ סַבְלָן אִין שְׁטוּבּ, הָאסְט גֶעהֶערְט הוּנְדֶערְטֶער דְרָשׁוֹת אִין יְשִׁיבָה אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועקְגֶעבְּן דִי יָארְן פַאר חֲבֵרִים; יֶעצְט אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט דוּ זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן נוּצְן דִי שִׁיעוּרִים, זָאלְסְט אָנְהֵייבְּן טְרַאכְטְן 'וָואס אִיז לֶעבְּן אוּן וָואס אִיז דִמְיוֹן, וָואס אִיז מִיר ווִיכְטִיג אוּן וָואס אִיז אִיבְּרִיג'.

קוּם אַהֵיים, **בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ**, רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין; לָאז שׁוֹין אָפּ דִי צֶעדְרֵייטֶע חֲבֵרִים וָואס שְׁלֶעפְּן דִיר אַרוֹיס פוּן שְׁטוּבּ, וֶוער וֶועט קוּקְן אוֹיף דִיר בְּעֵת צָרָה? וֶוער וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִיר אִין צַייט פוּן נוֹיט? - נָאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַּארְוָואס זָאלְסְטוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין דִי מַתָּנָה.

גֶעבּ גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ אוּן מַאךְ אִיר פְרֵיילִיךְ, זוּךְ אִין אִיר גוּטְס, **גֶעבּ אִיר גֶעלְט** - וֶועסְטוּ פְּלוּצְלוּנְג אָנְהֵייבְּן זֶען שֶׁפַע; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא נט.): "**אוֹקִירִי לִנְשַׁייכוּ כִּי הֵיכִי דְתִתְעַתְּרוּ**", מֶען בַּאקוּמְט שֶׁפַע בִּזְכוּת וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ.

אַז עֶס אִיז דִיר בִּיטֶער **נֶעם דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶעדֶעצִין**, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק) מֶען קֶען נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד נָאר דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת; דָאס הֵייסְט, מֶען זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, **מֶען זָאל אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן** - אַלֶע יְרִידוֹת, אַלֶע נְפִילוֹת, אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

## חידות אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: מען קען נישט זיין אן ערליכער איד, נאר דורך.**

**וועלכע פון די פיר תירוצים זענען ריכטיג?**

א. זיין פרייליך אז מ'איז מקורב צו אים
ב. רעדן צום אייבערשטן
ג. טוהן מצות
ד. מכבד זיין די ווייב

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגער רבי האט געזאגט: זינגען זמירות שבת.

ענטפער: **איז א עיקר אין אידישקייט**

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז
**יחזקאל לעזער נ"י - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס צו 845-379-1161

## ברוכים הבאים בשם השם

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען א חשובע משפחה וואס האט זיך אהערגעצויגן אין קרית ברסלב ליבערטי

### אברהם פיש הי"ו וזוגתו שרה תחי'

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן מצליח זיין אינעם הייליגן שטעטל, און קענען אויפציען די קינדער אויפן הייליגן רבי'נס וועג.

## סימן טוב ומזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

### בנציון יאקאבאוויטש הי"ו וזוגתו חנה תחי' צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

אייער פריינד
יוסי פריעדמאן
347-831-6209

KB PLUMBING
Done faster. Done right. (347) 831-6209

על ידי הפצת ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו




# הפצה ווינקל

## בְּרִיוו

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, ז׳ אִיָּר, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרעֶר ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין נְדָבָה פַאר דִי יְשִׁיבָה, יְיַשֵׁר כֹּחַ.

מַזָל טוֹב פַארְ'ן אָפְּשֶׁערְן פוּן אֵייעֶר זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל דִיר הֶעלְפְן זָאלְסְט אִים מְגַדֵל זַיין מִיט אַלֶע דַיינֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט מִיט דַיין וַוייבּ אִינְאֵיינֶעם אוּן זֶען פוּל נַחַת.

אִיךְ ווִיל דִיר גֶעבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ עוֹסֵק זַיין יֶעדְן טָאג אִין ״הַפָּצָה״; דוּ קֶענְסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט ווִיסְן... דוּ קֶענְסְט רַאטֶעוֶועט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ בָּחוּר, פוּן אַ מֵיידְל זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן וֶועג וָואס פִירְט צוּם טוֹיט, נָאר גֵיין אוֹיפְן וֶועג וָואס פִירְט צוּם לֶעבְּן.

אִידִישֶׁע קִינְדֶער גֵייעֶן יֶעצְט אַרִיבֶּער דֶעם לֶעצְטְן נִסָיוֹן פַאר בִּיאַת מָשִׁיחַ, עֶס גֵייט אַ מַבּוּל, אַ מַבּוּל פוּן נִאוּף אוּן פוּן כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי הָאט שׁוֹין פָארְאוֹיס גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן רכ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, ״יִהְיֶה אַפִּיקוֹרְסוּת גָדוֹל בָּעוֹלָם״, עֶס וֶועט זַיין בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (דָנִיאֵל יב, י): ״יִתְבָּרֲרוּ וְיִתְלַבְּנוּ וְיִצָּרְפוּ רַבִּים״, דָאס גֵייט אַרוֹיף אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט אַרָאפְּגִיסְן אַ מַבּוּל, אַלֶע וֶועלְן וֶוערְן בַּאגָאסְן אוּן אֲפִילוּ דִי עֶרְלִיכֶע וֶועלְן וֶוערְן אָנְגֶעשְׁפְּרִיצְט. אוּן נָאר דִי סְפָרִים אוּן קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא״ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן - דָאס רַאטֶעוֶועט דִי בְּנֵי הַנְעוּרִים. וואוֹיל אִיז פַאר דֶער וָואס אִיז עוֹסֵק אִין דִי מִצְוָה פוּן צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַ טַייעֶרֶע מַתָּנָה, אַ טַייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ׳. זָאלְסְטוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אִיר; זַיי אִיר מְחַזֵק, הֶער אוֹיס אִירֶע שְׁמוּעֶסְן, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִיר, שְׁפַּאצִיר מִיט אִיר אוּן שְׁפִּיל מִיט אִיר. דָאס אִיז דֶער רָצוֹן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. גֶעדֶענְק, בַּיים רֶבִּי׳ן אִיז גֶעוֶוען שָׁלוֹם בַּיִת אַ יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת, וַוייל אַז מֶען לֶעבְּט מִיט דִי וַוייבּ בְּשָׁלוֹם הָאט מֶען אַ רֵיינֶע מֹחַ אוּן אָן אַ וַוייבּ קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן קְדוּשַׁת הַמַחְשָׁבָה.

שְׁטַארְק אִיר אוּן זַיי אִיר מְחַזֵק, דָאס בֶּעסְטֶע חִיזוּק פַאר אַ פְרוֹי אִיז וֶוען אִיר אֵייגֶענֶע מַאן טְרֵייסְט אִיר אוּן פַארְשְׁטֵייט אִיר.

וֶוען אִיךְ זֶע דִיר אַרוֹיפְקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה שֶׁעפּ
אִיךְ נַחַת פוּן דִיר.



## אַ מַעֲשֶׂה פון הַפָּצָה

קרעדיט: משה ארי' שניטצלער

איך בין געגאנגען הפצה אין בארא פארק ביי די הייזער, איך קלאפ אריין ביי איין טיר, איך האב אים געגעבן א ספר עצתו אמונה, און ער האט זיך שיין באדאנקט.

ער האט שוין געהאלטן פארן פארמאכן די טיר האב איך געבעטן אויב ער קען מיר געבן א גלעזל וואסער, זאגט ער מיר 'זיכער' הארצן גערן, ער קומט צוריק מיט א גלאז וואסער, און רופט זיך אן צו מיר "איך האב באקומען פון הר"ר נתן יאקאבאוויטש שליט"א א קונטרס 'מציאות הזווג', איך האב געזאגט פאר פערציג טעג קרבנות הנשיאים אזוי ווי עס שטייט אין דעם קונטרס, דעם פערציג'סטן טאג בין איך ברוך השם א חתן געווארן בשעה טוב ומצלחת".

איבערצולאזן א מעשה פון הפצה רופט 845.379.1161

## נייעס פון קרן הדפסה

קרעדיט: אשר יעקב בלום

### א נייע קונטרס ארויס פון דרוק

א פרישער קונטרס אין ענגליש איז אין די טעג ארויס פון דרוק מיטן נאמען Parenting With Pride איבערגעטייטשט פונעם קונטרס 'אידיש נחת', וואס דאס איז געווארן איבערגעטייטשט פונעם קונטרס אין לשון קודש 'חינוך מוצלח'.

דער קונטרס לערנט אויס דעם ריכטיגן וועג וויאזוי צו מחנך זיין די קינדער אויפן גוטן וועג, זיי זאלן מצליח זיין אינעם לעבן ברוחניות ובגשמיות, און מען זאל זעהן פון זיי אסאך אידיש נחת.

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וועטסאפּ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# בילדער פון קרן הדפסה



דער טעכניקער פארריכט איינע פון די מאשינען



מען פאקט צאם פאר די מפיצים די גליונות און עצתו אמונה




א פרישע קונטרס אויף אידיש ארויס פון דרוק




א פרישע קונטרס אויף ענגליש ארויס פון דרוק



אלע סארט קונטרסים ארויס פון דרוק, גרייט פאר הפצה.



מען דרוקט דעם 'קרית ברסלב בלעטל'

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצה די וואך

**מנחם זאב שטערן**
סטעטן איילענד

**אברהם דוד לאקס**
קרית ברסלב

**אברהם חיים קלאגסברוין**
מאנסי

**יחזקאל שרגא קרויס**
בארא פארק

**שמואל אליעזר פערל**
לאנדאן

**אהרן יצחק אפפעלדארפער**
קרית יואל

**יואל פעדער**
וויליאמסבורג

**משה שטיינווארצל**
פלעטבוש

**יוחנן שור**
ירושלים

**העניך אינדיג**
קרית ברסלב

**שמעון זיגלער**
מאנסי

**אברהם יושע וועבערמאן**
קרית ברסלב

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#** | email: **donate@kerenhadfusa.org** | whatsapp: **518.966.2370**

# א מַעֲשֶׂה
## פון א צדיק



### זיך דערהאלטן אין די שווערסטע צייטן

אִין יָאר תש"י אִיז פַאר דִי אִידְן אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶע מַצָב, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וָואס צוּ עֶסְן. וַיְהִי הַיּוֹם, הָאט אַ אִיד אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אַ צֶעטְל אִין דִי שׁוּלְן, אַז מָארְגְן אִין דִי צַייט וֶועט זַיין אַ סִיּוּם מַסֶכְתָּא, אוּן עֶר שְׁטֶעלְט צוּ אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה פוּן פִישׁ אוּן פְלֵייש לְכָבוֹד דֶעם סִיּוּם, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס הָאט נִישְׁט גֶעפֶעלְט קַיין מֶענְטְשְׁן, וַוייל קֵיינֶער הָאט דֶעמָאלְטְס נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פְלֵייש, אִין אַ צַייט פוּן אַזַא מוֹרָא'דִיגֶע הוּנְגֶער, אָבֶּער דֶער אִיד הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁפָּארְט אַ פְּרוּטָה נָאךְ אַ פְּרוּטָה, אוּן עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, בַּיי דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן, אוּן דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט דֶערוֹיף, אַ סִיּוּם פַאר אַזַא קְלֵיינֶע מַסֶכְתָּא גֶעבְּסְטוּ אוֹיס אַזוֹי פִיל גֶעלְט?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ דָאס גֶעטוּהְן.

אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְצֵיילְן. אִיךְ בִּין אַ מִלְחָמָה אִיבֶּערְלֶעבֶּער, וִוי בַּאוואוּסְט הָאט מֶען גֶעמוּזְט אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער אִין דִי לַאגֶערְן, אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן דִי מֶענְטְשְׁן אֵיין אִיד וָואס עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן צוּ זִיךְ, אוּן עֶר הָאט מִיט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶערֶעדְט, [כָאטְשִׁיג וָואס נָאךְ אַ גַאנְצֶע טָאג שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט, וֶוען מֶען אִיז גֶעקוּמֶען בַּיינַאכְט שְׁלָאפְן אוֹיף דִי בְּרֶעטֶער, אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אַז מֶען רֶעדְט אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן, אָבֶּער לֵיידֶער אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, וָואס זֶענֶען מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן אוּן אַרָאפּ פוּן זִינֶען פוּן דִי פִיל צָרוֹת וְכוּ', אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיין, עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען וָואס זֶענֶען לֵיידֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עֶלֶעקְטֶערִישְׁן דְרָאט אוּן זִיךְ עֶלֶעקְטִירִיזִירְט רַחְמָנָא לִצְלָן, וַוייל וִויפִיל קֶען דֶען אַ מֶענְטְשׁ אוֹיסְהַאלְטְן?!] הָאט מֶען גֶעמֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אוֹיךְ מְשׁוּגָע גֶעוָוארְן רַחְמָנָא לִצְלָן פוּן אַזוֹיפִיל בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אוּן וֶועגְן דֶעם הַאלְט עֶר אִין אֵיין רֶעדְן צוּ זִיךְ אַלֵיין.

אֵיין נַאכְט אִיז דֶער אִיד גֶעקוּמֶען צוּ מִיר אִינְמִיטְן נַאכְט, עֶר וֶועקְט מִיר אוֹיף, אוּן דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ בֶּעט עֶר מִיר אִיבֶּער, אוּן זָאגְט מִיר: זַיי מִיר מוֹחֵל וָואס אִיךְ הָאבּ אַייךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט, אִיךְ מוּז אַייךְ אָבֶּער זֵייעֶר וִויכְטִיג עֶפֶּעס זָאגְן: אִיךְ הָאבּ אַלֶע יָארְן גֶעלֶערְנְט שַׁ"ס, יֶעצְט בִּין אִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען בִּיז מוֹעֵד קָטָן דַף ח', אוּן אִיךְ שְׁפִּיר אַז דִי נְשָׁמָה גֵייט מִיר שׁוֹין אַרוֹיס, דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ אַייךְ אֵיין זַאךְ: אִיר זָאלְט מִיר צוּ זָאגְן אַז וֶוען אִיר וֶועט אִיבֶּערְלֶעבְּן דִי מִלְחָמָה, וֶועט אִיר מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶכְתָּא מוֹעֵד קָטָן וָואס אִיךְ הָאבּ נָאכְנִישְׁט גֶעעֶנְדִיגְט פוּן שַׁ"ס, אוּן מִיר אִינְזִין הָאבְּן, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ מַכִּיר טוֹבָה זַיין דֶערְפַאר, אוּן וִויסְן זָאלְט אִיר אַז אִיךְ בִּין יֶעצְט בַּיי דִי מַדְרֵיגָה פוּן דֶער תַּנָא 'רֶבִּי עֲקִיבָא', וַוייל מֶען הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעפַּייניגְט, אוּן מִיר גֵייעֶן אַלֶע אוּמְקוּמֶען אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵׁם, נָאר אִיר וֶועט דָאס אִיבֶּערְלֶעבְּן, אוּן עֶר לֵייגְט אִים צוּ: דָאס וָואס אִיר הָאט גֶעזֶעהְן אַז אִיךְ הַאלְט אִין אֵיין זָאגְן, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ בִּין מְשׁוּגָע, זָאלְט אִיר וִויסְן אַז אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג גֶע'חַזֶר'ט גְמָרָא, יֶעצְט בֶּעהְט אִיךְ אַייךְ אִיר זָאלְט מִיר צוּ זָאגְן אוּן מִיר גֶעבְּן אַ 'תְּקִיעַת כַּף', אַז אִיר וֶועט מַאכְן אַ סִיּוּם אוֹיף מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן. בְּלֵית בְּרֵירָה הָאט עֶר אִים צוּגֶעזָאגְט, וִוי אוֹיךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעמַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן: עֶר גֶעט דָאךְ מִיר אַזַא גְרוֹיסֶע בְּרָכָה אֶפְשָׁר וֶועט דָאס טַאקֶע מְקוּיָם וֶוערְן.

וְכַּךְ הַוָה, דֶער אִיד הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין נְשָׁמָה, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז לֵיידֶער קֵיינֶער פוּן דֶעם לַאגֶער נִישְׁט אַרוֹיס לֶעבֶּעדִיג נָאר עֶר אַלֵיין, אִין דֶעם זְכוּת וָואס עֶר הָאט דֶעם אִיד צוּגֶעזָאגְט צוּ מַאכְן דֶעם סִיּוּם, אוּן עֶר הָאט אִים דֶערְפַאר אָנְגֶעוואוּנְטְשְׁן דוּרְכְצוּלֶעבְּן דִי קְרִיג. אוּן יֶעצְט אַז עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט דִי מִלְחָמָה מִיט נִיסֵי נִיסִים, אוּן עֶר הָאט שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן גֶעקוּמֶען אַבִּיסְל צוּ זִיךְ פוּן דֶעם בִּיטֶערְן חוּרְבָּן וְכוּ', הָאט עֶר דָאס מְקַיֵים גֶעוֶוען אוּן יֶעצְט מַאכְט עֶר דֶעם גְרוֹיסְן סִיּוּם, אוּן דָאס אִיז דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה.

אַזוֹי זֶענֶען אַלְץ גֶעוֶוען אִידְן וָואס הָאבְּן זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע אוּן בִּיטֶערְסְטֶע מַצָבִים, אוּן נִישְׁט פַארְלוֹירְן דִי אֱמוּנָה.

(גענומען פון קונטרס "א סוף צו די צרות")

טייערע ליינער! וועלכע מוסר השכל האסטו ארויס גענומען פון די מעשה?

שיקט אריין צו די מערכת אויף 845-379-1161

אדער צו breslevofficeliberty@gmail.com

**מוסר השכל פון פאריגע וואך**

**שלום אלי' אינדיג - מאנטריאל:** נישט חוזק מאכן פון א צדיק

**רבקה וועבערמאן - קרית ברסלב:** נישט טשעפענען מיט א צדיק

**חי' צירל פירסט - קרית ברסלב:** א) נישט מאכן ליצנות פון א צדיק
ב) דאנקן אז מען קען זעהן



# דעם רבינ'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

**קאפיטל 6**

**פארזעצונג פון פריער:**

דִי תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן הָאבְּן זִיךְ גְּלַייךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אִין דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעט אוּן דֶערְפֶער צוּזַאמְצוּשְׁטֶעלְן עֶפֶּעס גֶעלְט פַאר'ן רֶבִּי'ן, פַאר דִי רֵייזֶע קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

...

דֶעמָאלְט נָאךְ פֶּסַח, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן, אַן עוֹשֶׁר אוּן אַ גְרוֹיסֶער מְיוּחָס, וָואס הָאט זִיךְ אִים פַארְגְלוּסְט מִיטְצוּפָארְן צוּזַאמֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אוּן עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט אַסַאךְ חֲבֵרִים וָואס זָאלְן רֶעדְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן אִים בֶּעטְן אַז עֶר זָאל אִים מִיטְנֶעמֶען אוֹיף דִי נְסִיעָה.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן דֶערְפוּן הָאט עֶר אִים גֶעלָאזְט רוּפְן אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט, "דוּ ווִילְסְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, הָאט אִים דֶער רֶבִּי וַוייטֶער גֶעפְרֶעגְט, "נוּ, אוֹיבּ ווִילְסְטוּ פָארְן, פַארְוָואס פָארְסְטוּ נִישְׁט?", הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ וֶועט אִיר מִיר מִיטְנֶעמֶען מִיט אַייךְ, וֶועל אִיךְ פָארְן", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס ווִילְסְטוּ פָארְן אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל? סְ'מוּז זַיין אַז דוּ הָאסְט עֶפֶּעס אַ סִיבָּה פַארְוָואס דוּ ווִילְסְט פָארְן, וַוייל סְ'פָארְן דָאךְ אוֹיךְ אַסַאךְ אַרַאבֶּער קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל".

דֶער אִיד הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זוּכְן תֵּירוּצִים פַארְוָואס עֶר ווִיל פָארְן, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ פְלוּצְלִינְג צוּפְלַאמְט, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוָוארְן רוֹיט ווִי פֵייעֶר, עֶר הָאט זִיךְ אַוֶועקְגֶעדְרֵייט פוּן דֶעם אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם עוֹלָם אַרוּם אוּן גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס בְּרֶען, "וֶוען מְ'ווִיל אֱמֶת'דִיג פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זָאגְט מֶען דֶען 'אוֹיבּ דוּ וֶועסְט מִיר מִיטְנֶעמֶען וֶועל אִיךְ פָארְן'?! וֶוען מְ'ווִיל טַאקֶע אָנְקוּמֶען אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל דַארְף מֶען גֵיין צוּפִיס! דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַבְרָהָם אָבִינוּ (בְּרֵאשִׁית י"ב, א') **"לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ אֶל הָאָרֶץ אֲשֶׁר אַרְאֶךָּ"**, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים דַוְקָא גֶעזָאגְט "לֶךְ לְךָ", עֶר זָאל טַאקֶע גֵיין מִיט דִי פִּיס, צוּ זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל!"

אִין יֶענֶע טֶעג, נָאךְ פֶּסַח, אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען זֵייעֶר פַארְשְׁפַּארְט אוּן פַארְמַאכְט, אוּן מְ'הָאט גֶעזֶען בַּיי אִים גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת אוּן הִתְלַהֲבוּת וָואס מְ'הָאט נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים בִּיז גֶעמָאלְט, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קַיין מֶענְטְשׁ.

אֵיינֶער פוּנֶעם רֶבִּינְ'ס מֶענְטְשְׁן אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעפְרֶעגְט, "רֶבִּי, פַארְוָואס זֶענְט אִיר אוּנְז נִישְׁט מְקָרֵב? פַארְוָואס רֶעדְט אִיר נִישְׁט מִיט אוּנְז?", הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הָאט יֶעצְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ"ג, ב') **כִּי תַעֲבוֹר בַּמַּיִם אִתְּךָ אָנִי**, ווִי אַזוֹי מְ'קֶען זֶען דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת, אַבְרָהָם יִצְחָק אוּן יַעֲקֹב, וֶוען אִימֶער מְ'ווִיל. סְ'אִיז מִיר גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ פַארְוָואס פוּנְקְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, אִיךְ טְרַאכְט אָבֶּער אַז דָאס אִיז וַוייל אִיךְ דַארְף דָאךְ יֶעצְט אַרִיבֶּערְפָארְן דֶעם יַם. אָבֶּער פַארְוָואס דַארְפְט אִיר דָאס ווִיסְן? צוּ וָואס פֶעלְט דָאס אַייךְ אוֹיס? אוּן אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט עֶס גֶעקֶענְט מַלְבִּישׁ זַיין אִין מוּסָר, אַז יֶעדֶער זָאל דָאס קֶענֶען נוּצְן, הָאבּ אִיךְ אָבֶּער יֶעצְט נִישְׁט קַיין דִיבּוּרִים.

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרוּמְגֵיין אִין צִימֶער אַרוֹיף אוּן אַרָאפּ, אוּן דֶער אִיד אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין דָארְט צִיטֶערְדִיג פוּן גְרוֹיס פַּחַד פוּן וָואס עֶר הָאט יֶעצְט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי'ן, אוּן פְּלוּצְלִינְג הוֹיבְּט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער אָן רֶעדְן צוּ אִים, "אִיךְ בִּין אַ גְרֶעסֶערֶער אָרֶעמַאן פוּן אַלֶע גְדוֹלִים. אֵיינֶער הָאט גֶעלְט, אֵיינֶער הָאט שְׁטֶעט, אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גָארְנִישְׁט. אִיךְ טְרֵייסְט זִיךְ אָבֶּער מִיט דֶעם וָואס אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ וָואס סְ'וֶועט זַיין אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. וַוייל אוֹיפְ'ן עוֹלָם הָאֱמֶת וֶועט יֶעדֶער דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ מִיר, יֶעדֶער וֶועט גְלוּסְטְן צוּ הֶערְן מַיינֶע חִידוּשִׁים וָואס אִיךְ בִּין מְחַדֵּשׁ יֶעדֶע רֶגַע אוּן יֶעדֶע מִינוּט. וָואס בִּין אִיךְ דֶען? דָאס אִיז מַיין נְשָׁמָה וָואס אִיז מְחַדֵּשׁ. דִי גַאנְצֶע וֶועלְט דַארְף אָנְקוּמֶען צוּ מִיר, נִישְׁט נָאר אִיר מַיינֶע תַּלְמִידִים אוּן אַנְדֶערֶע אַזוֹי ווִי אַייךְ, דָאס וֵוייסְט אִיר דָאךְ אַלֵיין אַז אִיר דַארְף צוּקוּמֶען צוּ מִיר, נָאר אֲפִילוּ דִי צַדִיקִים וָואס קֶענֶען שׁוֹין דַאוֶוענֶען, קֶען אִיךְ זֵיי וַוייזְן אַז זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וָואס תְּפִלָּה אִיז, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי וַוייזְן אַ וֶועג אִין תְּפִלָּה. אוּן אֲפִילוּ דִי גָאר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים, וָואס גֵייעֶן שׁוֹין נָאר מִיט יִחוּדִים, קֶען אִיךְ זֵיי וֵוייזְן אַז זֵיי וֵוייסְן בִּכְלַל נִישְׁט דֶעם וֶועג אִין יִחוּדִים, אוּן אִיךְ קֶען זֵיי וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אִין יִחוּדִים. אוּן אַזוֹי הָאט עֶר אוֹיסְגֶערֶעכְנְט נָאךְ אַזֶעלְכֶע זַאכְן.

פארזעצונג קומענדיגע וואך אי"ה



# א סעודה מיט'ן ראש ישיבה

**חלק ב'**

צווייטע חלק פונעם ארטיקל "א סעודה מיט'ן ראש ישיבה" שבת חול המועד סוכות.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארציילט: א אינגערמאן אין ווילאמסבורג האט מיר געפרעגט, אז זיינע חברים פרעגן אים וואס עס גייט פאר אין שטעטל, ווייל זיי זעהן אין עצתו אמונה ווי יעדע וואך איז דא בריוון אז מען זאל זיך נישט קריגן אין שטעטל, עס זאל נישט זיין קיין מחלוקת, און מען זאל זיך ליב האבן. און זיי וואונדערן זיך, אזא קליינע שטעטל און שוין אזוי סאך מחלוקת? האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט: עס זענען דא מענטשן וואס מיינען אז די בחורים אין ישיבה לייגן נישט קיין תפילין, און היטן נישט קיין שבת, ווייל זיי הערן ווי דער ראש ישיבה רעדט ביי די דרשות וועגן לייגן תפילין, היטן שבת... וואס באמת לערנען אין ישיבה ערליכע בחורים, נאר דער ראש ישיבה רעדט פון דעם נאכאמאל און נאכאמאל אזוי זאל מען טאקע א גאנץ לעבן לייגן תפילין און היטן שבת. קענסט דאך פרעגן די זעלבע קשיא אויף יעדע בריוו, 'וואס גייט פאר אין ברסלב, מען האט נישט קיין שלום בית'? ס'שטייט אין א בריוו, "גיי אהיים צו דיין ווייב, רעד שיין צו איר", נאר מען רעדט פארדעם פון דעם כדי עס זאל טאקע נישט געשען.

און דער ראש ישיבה האט ממשיך געווען: קענסט אויך פרעגן, אין ברסלב האט מען נישט קיין אמונה? איך רעד דאך א גאנצן טאג פון אמונה... און צווייטנ'ס, וואס מיינט זיך ליב האבן? הייינט צופרי, בין איך געגאנגען זיך וואשן די הענט פארן דאווענען, זע איך ווי א אינגערמאן שטייט און באוואשט א צווייטן און שרייט אים אן מיט קולי קולות. האב איך זיך אנגערופן צו זיי: "מ'דארף זיך ליב האבן, מ'דארף זיך ליב האבן". און יענער איז געווען זייער פארקאכט און ער האט נישט געכאפט אז ער דארף נישט ענטפערן, האט ער געגעבן א זאג: "ראש ישיבה מ'האט זיך ליב! מ'האט זיך ליב"! האט דער ראש ישיבה געפרעגט, דאס מיינט זיך ליב האבן? און ווען ער זאגט אז ער האט ליב זיין ווייב, מיינט עס אז ער רעדט אויך אזוי צו איר?

אין אנדערע פלעצער הייסט דאס אפילו נישט אז מען האט זיך געקריגט, אזוי רעדט מען צווישן חברים. אבער איך וויל אז אין שטעטל זאל מען רעדן שיין. זיינע חברים מיינען אז ווען עס שטייט אז מען קריגט זיך, מיינט עס אז ס'גייט שוין מיט מעסערס, אבער ביי זיי מיינט עס אפילו נישט אז מען האט זיך געקריגט. אין ברסלב פלעגט מען זיך רופן מיטן טיטל ר'. ר' הערש, ר' שלמה, ר' חנא. מען האט גערעדט מיט רעספעקט איינער צום צווייטן. 'אסאך זאכן קען איך ליידן, אבער דאס אז מען טשעפעט זיך, דאס קען איך נישט נעמען'.

שפעטער נאכן בענטשן איז מען אריינגעפארן אין א שמועס וועגן הצלה; און דער ראש ישיבה האט דערציילט אז איינעם'ס קינד איז אראפגעפאלן פון א קליינע בענקל, און נישט געקענט אטעמען פאר אפאר סעקונדעס, ער איז געווארן זייער דערשראקן און גערופן הצלה. הצלה האט געהייסן מען זאל אים אריינטראגן אין שפיטאל און דער אינגערמאן האט געדארפט זיין דארט צוויי טעג חול המועד. וואס איז? איז ער אראפגעפאלן פון א בענקל, ס'איז גארנישט...

דער אינגערמאן האט גערופן דעם ראש ישיבה פרעגן וואס צו טון. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט איינמאל ער האט שוין גערופן הצלה וועט דער ראש ישיבה אים שוין נישט זאגן וואס צו טון, יעצט זאל ער טון אזוי ווי מען הייסט אים, דער ראש ישיבה קען אים יעצט נאר געבן א ברכה.

דער ראש ישיבה האט דערציילט א מעשה וועגן א אינגערמאן וואס זיין קינד האט זיך צושניטן און געדארפט האבן סטיטשעס, ער האט גערופן זיין הצלה - דעם ראש ישיבה - פרעגן וואס צו טון. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל גיין צו א געוויסע דאקטער און מאכן ביי אים די סטיטשעס. איז ער אריבערגעגאנגען צו יענעם דאקטער און מען האט אים געזאגט אז דער דאקטער נעמט שוין נישט אויף. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט ער זאל נישט מורא האבן, נאר ער זאל אריינגיין צו יענעם דאקטער אין אפיס און אים בעטן צו מאכן די סטיטשעס, און אזוי איז טאקע געווען דער דאקטאר האט אים עס געמאכט. דער ראש ישיבה האט געוואלט ארויסברענגען אז נישט פאר יעדע קליינגקייט דארף מען רופן הצלה, ס'איז דא צייטן ווען עס פעלט יא אויס, אבער רוב מאל וועט הצלה הייסן אריינגיין אין שפיטאל ווייל זיי ווילן נישט נעמען קיין אחריות אויב עפעס פאסירט. דער ראש ישיבה האט פארציילט אז ביי זיין טאטע אינדערהיים האט מען נישט גערופן הצלה פאר יעדע זאך, אפילו ווען א קינד איז געפאלן און עס האט געבלוט ,האט מען זיך נישט פארלוירן, מען האט אפגעשטעלט די בלוט און נאכדעם געטראכט מיט ישוב הדעת אויב עס פעלט אויס צו פארנייען.

א אינגערמאן האט געגעבן פאר'ן ראש ישיבה א גלעזל ביר, און דער ראש ישיבה האט נישט געטרינקען פון דעם. שפעטער האט אים דער ראש ישיבה עס צוריקגעגעבן און אים געזאגט אז ער טרינקט נישט קיין ביר, ווייל עס מאכן אים פילן נישט גוט. האט זיך איינער אנגערופן אז לעצטנ'ס ברענט אים די מאגן געפערליך נישט קיין חילוק וואס ער עסט, און ער לעבט אויף טאמ"ס. האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן שמועסן אז מען טאר נישט נעמען קיין טאמ"ס, און זיכער נישט לעבן אויף טאמ"ס. נאר מען דארף אנהייבן עסן געזונט. ווייל אויב די מאגן ברענט איז א סימן אז מען האט געגעסן עפעס וואס טויג נישט, און מען טאר עס נישט איינשטילן מיט טאמ"ס.

יענער אינגערמאן האט געזאגט פארן ראש ישיבה אז ער עסט יעדן טאג ברויט מיט טונא פאר פרישטאג. האט אים דער ראש ישיבה געזאגט אז ער קען פרובירן צו עסן איין טאג טונא אן קיין מייאנעז, אדער זאל ער פרובירן צו עסן א אנדערע סארט ברויט... ווייל ס'איז אזוי ווי סערייסו"ס, אזוי ווי א מענטש האט סערייסו"ס אויף די הויט, אזוי אויך ווען מען עסט עפעס וואס טויג נישט, פאסירט דאס אין די מאגן. און דאס וואס פאסירט ווען איינער האט סערייסו"ס און ער קראצט עס און קראצט עס, די זעלבע זאך פאסירט ווען מען עסט די זאכן וואס איז נישט גוט.

אזוי אויך איז מיט פיבער! מענטשן מיינען אז פיבער איז נישט קיין גוטע זאך, אבער באמת איז עס א חסד ד', ווייל אזוי ווייסט מען אז עפעס גייט פאר. און אויב איז מען נאר פארנומען צו נעמען טיילענאל און אראפקלאפן די פיבער, וועט מען איין טאג שטארבן חס ושלום.. ונשמרתם מאד לנפשותיכם איז פונקט אזא מצוה ווי לייגן תפילין, מען דארף עסן געזונט. און דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט: "אבער אפילו מען נעמט טאמ"ס בלייבט מען נאך אלס א ברסלב'ער, איך זאג נאר א שכל'דיגע זאך".

איינער האט געפרעגט דעם ראש ישיבה אויב שבת מעג מען עסן אפילו עסן וואס איז נישט אזוי געזונט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אויב ס'איז נישט געזונט טאר מען נישט. אז איינער גייט אויף דייעט ווייל ער וויל אויסזען גוט, מעג ער שבת עסן אלעס, אבער אז ס'איז נישט געזונט, טאר מען נישט.

דער ראש ישיבה האט פארציילט: איינער פון אנשי שלומינו האט אים געפרעגט וואס ער זאל זיך פארנעמען פאר די גרויסע נס אז זיין קליין קינד איז ארויסגעפאלן פון פענסטער און ס'האט גארנישט פאסירט צו אים. האט דער ראש ישיבה אים געענטפערט ער זאל זיך פארנעמען צו לייגן א צוים אויף זיין פענסטער.

א אינגערמאן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה וואס צו טון, אז דער ראש ישיבה זאגט ביי די דרשות מען מוז זיך אויסלופטערן אביסל יעדן טאג און לעקן איי"ס קרי"ם, אבער עס מאכט אים בויך ווייטאג. האט אים דער ראש ישיבה געענטפערט מען מוז זיך אויסלופטערן יעדן טאג, אז נישט מיט אייס קרים קען ער זיך אויסלופטערן מיט עפעס אנדערש...




# בילדער
## אפטיילונג



קאנסטרוקציע אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים



שבע ברכות פאר טאכטער פון הר"ר שמעון עוזר פערל נ"י
אין ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים - זונטאג וירא



מען לערנט פאר דעם דף גמרא - אין היכל הקודש ליבערטי



קאנסטרוקציע אין תלמוד תורה היכל הקודש ליבערטי





*זכרונות פון ראש השנה תשפ"ב*
אינעם רעכטן בילד זעהט מען ווי מען גרייט צו גליונות פאר הפצה - לינקס איז די פריילעכע טענץ מוצאי ראש השנה



א זעלטענע געלעגנהייט
א שבת מעין
עולם הבא
משפחת
דער געווינער
משפחת
הראש ישיבה
שליט"א
שבת
התוועדות
און געווינט:
שטיצט
בן גמלא
א שבת
מיט'ן
ראש
ישיבה
שליט"א
347·889·9892
בן גמלא
goodpointmediainc@gmail.com